ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל

**מוהר״ר ר׳ לוי יצחק**

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת

**אדמו״ר מנחם מענדל**

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

**Reshimas Zichronos**

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 34

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 נדפס בדפוס:

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ד של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

כ"ג סיון, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

# מיין זון באַזוכט מיר אַלע טאָג

## מוצש״ק קדושים [תשי״א].

ערשט איז מיין זון שליט״א, פון וועמען איך האָב דאָ אויבן געשריבן, אַוועק געגאַנגען פון מיר[500].

ער באַזוכט מיר – עס זאָל מיר ניט פאַרשטערט ווערן, ווי ווייבער זאָגן – אַלע טאָג, און פרייטאָג צוויי מאָל. ער מאַכט מיר אויף זייער אַסך בעסער מיין לעבן, און ווי מען זאָגט דאָ: בעסער פילן.

מיין צימער וואו איך געפין זיך איצט[501], איז ניט גאָר קיין גרויסער. צופעליק, די צייט וואָס ער זיצט ביי מיר, ווייזט ער זיך מיר אויס גרעסער (דער צימער).

אַסך זאַכן וואָס איז מיר ניט געשמאַק, פיל איך אַבסאָליוט ניט דעמאָלט, און לעב מיט דעם, מיט דער איידעלער געטריישאַפט און זיין העכערקייט, ביז דעם צווייטן באַזוך וואָס גייט דורך אַ מעת־לעת צייט.

מיר ווערט נאָר טוט־ווי ווען איך באַמערק אַז ער פילט ניט גוט, אַ שטאַרקע מידקייט, וואָס ער סטאַרעט זיך[502] זייער מיר ווייזן אַז עס ניט אַזוי.

ערשטנס, אַרבעט ער זייער אַסך, און דערנאָך קומט אים אויס איבערלעבן אַזוינס וואָס מיט זיין אמת ריינקייט, ניט קענען און ניט וועלן מאַכן קיינע קאָמבינאַציעס[503], ווירקט דאָס אויף אים געוויינלעך זייער, און שטערט זיין רוהיקייט. וואָס ער, נאָר מיט זיין גרויסער קאָפּ, איז דאָס גובר.

אני תפלה לה׳ שיחזק בריאותו באריכות ימים.

* * *

---

500) מדי יום ביומו הי׳ הרבי מבקר את אמו בביתה בשעות אחר הצהריים ומשוחח איתה.

501) בתקופה זו – התגוררה הרבנית ברחוב קינגסטון פינת לינקולן.

502) מתאמץ קשות.

503) תכסיסים.

## דער רבי מאַכט אים פאַר אַ בילדונגס מיניסטער

עס דערמאָנט זיך וועגן אים פון דער צייט איידער ער איז פון אונז אַוועקגעפאָרן[504], כמעט צוואַנציק יאָר האָב איך אים ניט געזען.

דעמאָלט, אַז דער רבי[505], דערנאָך זיין שווער זצ"ל, האָט אין אים גלייך אָפּגעשעצט זיינע מעלות, און כמעט ניט אָפּגעלאָזט פון זיך, און האָט אַלעמאָל צוליב אַן אנדער אינטערעס גערופן אים צו זיך.

ער האָט געזאָגט אַז ער מאַכט אים פאַר „אַ בילדונגס מיניסטער" און אַסך פאַקטן וואָס מען האָט צו זיי געדאַרפט לומדות און וועלטליכע וויסענשאַפט, האָט ער אים געגעבן דורכפירן[506].

* * *

## אַזאַ חתן וועל איך דאָרט ניט געפינען

בעת ער[505] האָט צוגעשטעלט די צאָל מענטשן אויף וועלכע ער בעט אַן „ערלויבניש" אויף אַרויסלאָזן פון רוסלאַנד, איז געווען אין דעם חשבון אויך בני מ.מ. שליט"א.

אויף יעדערן באַזונדער האָט ער געגעבן אַ „טעם" אויף וואָס ער בעט אים מיט זיך, וואָס האָט זיי, די „אָנגעשטעלטע פון מלוכה" צופרידען געשטעלט.

אָבער ווען עס איז געקומען צום זון, האָבן זיי געפרעגט אויף וואָס דאַרפסטו אים? דאַן האָט ער זיי געענטפערט אַז ער וויל אים פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער[507]. און אויף זייער שאלה, אַ חתן דאַרפסטו אויך פון דאַנען פירן? האָט ער זיי, מיט אַ שטאַרקייט, געענטפערט, אַזאַ חתן וועל איך דאָרט ניט געפינען.

* * *

504) בשלהי תשרי תרפ"ח.

505) כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ.

506) ראה גם הוספות לספר השיחות תר"פ־תרפ"ז ע' 282 הערה 4.?

507) הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא נ"ע זי"ע.

# די הסתלקות פון רבי'ן מוהרש"ב נ"ע אין יאָר תר"פ

## ב' ניסן תשי"ב.

יעדער מאָל, דער טאָג, דערמאָנט מיר אויף עפּעס אַנדערש. שוין דאַכט זיך צוויי־און־דרייסיק יאָר נאָך די הסתלקות פון רבין נ"ע.

איך געדיינק אַז עס איז אָנגעקומען די ידיעה,

— אין יענער צייט איז געווען די פאַרבינדונג מיט דער פּאָסט און אייזן־באַן זייער שלעכט —

עס האָט זיך אָבער דעם אייגענעם טאָג דערוואוסט.

איך האָב ניט קיין ווערטער אויף איבערגעבן דעם רושם וואָס עס האָט געמאַכט.

עס האָט זיך געפילט ווי דער גאַנצער לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַזוי איז געווען ביי אונז אין שטוב, און ביי די נאָנטע פון אונז, און מערסטן געוויינליך ביי אנ"ש. מיין מאַן ז"ל האָט זיך צווויינט אויף דעם קול, וואָס ער האָט דאָס כמעט קיין מאָל ניט געטאָן.

גלייך האָבן זיך די אַלע וואָס איך האָב דערמאָנט, דערוואוסט, איך געדיינק עפּעס ניט דורך וואָס פאַר אַן אופן, און מען איז גלייך צו אונז אין שטוב געקומען. העכער צוואַנציק מענטשן האָבן זיך געזעצט שבעה, מיט אַזאַ שווערע דערשלאָגענע שטימונג. מען האָט אַזוי געוויינט.

איך געדיינק, עס איז אַריין געגאַנגען צו אונז אַ אינשזענער, י.ל. קאָרין[508], זייער ניט רעליגיעז געשטימט, אַ פרייער אין דעות, און האָט דערזען ווי מענטשן, יונגע און אַלטע, און מיט זיי מיין מאַן, וועלכן ער האָט געקאָנט פאַר זייער אַ שטאַרקן חאַראַקטער — ווי ער האָט געזאָגט — זיינען אַלע אַזוי צובראָכן, האָט ער זיך אויך מיט זיי צוזאַמענגעוויינט.

און האָט מיר געזאָגט, חאָטש ער איז אַ חפשי בדעות לגמרי, אָבער אַז ער האָט זיך דערוואוסט אַז דער הייליקער אָרט וואָס איז געווען ביי

508)

אידן, צו־וועמען מען האָט זיך מיט אַזאַ צוגעבונדענקייט געהאַלטן — האָט זיך געפעלט, וויינט ער גלייך מיט זיי, און פילט די אבידה.

ער איז אַרויס פון שטוב, און האָט נאָך אויף דער גאַס ניט געקאָנט זיך באַרוהיקן, היסטעריש געוויינט.

## י״א סיון, תשי״ב.

איך האָב אָנגעשריבן די דאַטע, אָבער איך האָב דעמאָלט גאָרניט געשריבן. דאָס איז געוואָרן צוויי־און־פופציק יאָר נאָך מיין חתונה[509]. עפּעס איז געווען אַזוי אויף דעם האַרצן אַז עס האָט זיך געוואָלט עפּעס פאַרצייכנען, אָבער איך האָב דאָס ניט געטאָן.

## [כ״ז תמוז, תשי״ב].

איצט האָט מען נעכטן געבענטש ראש־חודש מנחם־אב, און צוואַנציק טעג אין חודש, ווערט שוין אַכט יאָר נאָך די הסתלקות פון מיין מאַן ז״ל.

וואָס מער צייט עס גייט אַוועק פיל איך מער די שווערקייט אין די אבדה וואָס איך האָב געהאַט.

דער זון זאָל געזונט זיין, טוט אַלץ וואָס ער קען, אָדער נאָך מער ווי ער קען, אויף מאַכן מיר דעם לעבן אין אַלע באַדינגונגען בעסער, איך זאָל גוט פילן. אָבער, ליידער — איך לייג כחות ער זאָל דאָס ניט באַמערקן — איז עס ניט אַזוי.

## ערב תשעה־באב [תשי״ב].

עס דערמאָנט זיך, ניט ווילענדיק, אַן ערב תשעה־באב מיט פאַרפאַסטן זיך מיט אַסך מענטשן, און אַזאַ פריינטליכע היימישע אָטמאַספערא. —

דערנאָך נאָר אין צווייען, אין דער ליימענער הייזל[510], געווען גאַנץ ווייט פון גוט, אָבער קיין עלענטקייט האָט זיך ניט געפילט.

---

509) בשנת תר״ס.

510) בהיותם בגלות צ׳אלי. ראה לעיל ע׳ ... לקמן ע׳ ..

איצט, זאָל דער זון מאריך ימים זיין מיט געזונט און הצלחה, וואָס ער ווערט מער פאַרנומען מיט מער פאַראַנטוואָרטליכקייט, האָב איך קיין האַרץ ניט אפילו ביי אים עפּעס צייט צונעמען. און אַ חוץ אים האָב איך ניט.

* * *

## ביקוריו היומיים של הרבי

זה עתה יצא מאת פניי בני שליט״א, שעליו כתבתי כאן לעיל. הוא נוהג לבקרני — אל נא יופרע הדבר בהזכירי זאת (כפי שנוהגות הנשים לומר) — מדי יום ביומו[270], וביום שישי בשבוע — פעמיים. הוא עושה את חיי טובים הרבה יותר, וגורם לי — כפי שנהוג לומר כאן — להרגיש טוב יותר.

החדר שבו אני מתגוררת עתה[271] אינו גדול כלל; אך, משום־מה, בזמן שהוא נמצא כאן — נראה לי החדר גדול יותר. דברים רבים הגורמים לי אי־נעימות — איני מרגישה אותם כלל באותה שעה. אני חיה בכוח ביקוריו — בכוח מסירותו האצילית ורוממותו הרוחנית — עד לביקור הבא, המתנה הנמשכת כמעת־לעת.

מצער אותי רק כשאני מבחינה בכך שהוא אינו חש בטוב, כשאני רואה על פניו לאות כבדה — אם־כי הוא מתאמץ מאוד להראות לי כאילו אין זה המצב.

לכל־לראש — הוא עובד הרבה מאוד; ובנוסף לכך, הוא נאלץ לחוות דברים שמדת האמת הטהורה שבו — אי־יכולת ואי־רצון לפעול בדרך של תחבולות ותכסיסים — אינה יכולה לסבול, ומובן שהדבר משפיע עליו מאוד ומפריע את מנוחת־נפשו. הוא גובר על כך רק בזכות דעתו הרחבה.

אני תפילה לה׳ שיחזק בריאותו באריכות ימים.

## ״שר החינוך״ של אדמו״ר מוהריי״צ

אני נזכרת בבני, בתקופה שלפני נסיעתו מאתנו[272]. קרוב לעשרים שנה לא ראיתיו.

באותה תקופה, הרבי[273] (לימים חותנו) זצ״ל — שהכיר מיד במעלותיו — כמעט שלא הניחו ללכת מעל פניו, ובכל פעם קרא לו אליו לצורך עניין אחר. הוא אמר שהוא ממנה אותו ל״שר החינוך״, ובמקרים

270) מדי יום ביומו, בשעות אחר הצהריים, היה הרבי מבקר את אמו בביתה ומשוחח אתה.

271) בתקופה זו התגוררה הרבנית בדירה בשדרת קינגסטון, פינת רחוב לינקולן.

272) הרבי עזב את רוסיה בשלהי תשרי תרפ״ח.

273) כ״ק אדמו״ר מוהריי״צ.

רבים שהיה צורך ב״לומדות״ ובידע כללי למטרה כלשהי — מסר הרבי לידיו את הוצאת העניין אל הפועל[274].

## ״חתן שכזה — לא אמצא שם!״

כשמסר הרבי את רשימת האנשים שעבורם ביקש היתר יציאה מרוסיה, נכלל בחשבון גם בני מ.מ. שליט״א.

עבור כל אחד מהרשומים מסר הרבי טעם נפרד לבקשתו לצרף אותו אליו — טעם שהשביע את רצונם של פקידי הממשל.

אולם כשהגיעו לשמו של בני, שאלו הפקידים: ״לשם מה אתה זקוק לו?״

הרבי השיב להם, שהוא רוצה בו כחתן לבתו[275].

על שאלתם ״וכי גם חתן צריך אתה לקחת מכאן?!״ — השיב להם הרבי בתוקף: ״חתן שכזה — לא אמצא שם״!

**ב׳ ניסן תשי״ב**

## הסתלקות כ״ק אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע

יום זה מזכיר לי בכל פעם דבר אחר. מלאו כבר שלושים ושתיים שנה, כמדומתני, להסתלקות הרבי נ״ע.

אני זוכרת את הגעת הידיעה. באותה תקופה היה מצב התקשורת באמצעות הדואר והרכבת גרוע מאוד, אבל הידיעה על ההסתלקות הגיעה בו ביום.

אין בפי מלים לתאר את הרושם שידיעה זו עשתה עלינו. ההרגשה היתה כאילו החיים כולם נעצרו במקומם. כך היתה ההרגשה בביתנו ובבתי הקרובים אלינו, וכמובן — ברוב בתי אנ״ש. בעלי ז״ל בכה מרות בקול רם, דבר שלא עשה כמעט מעולם.

הדבר נודע מיד לכל אלו שהזכרתי — משום־מה אינני זוכרת באיזה אופן — וכולם הגיעו מיד לביתנו. למעלה מעשרים איש ישבו שבעה בביתנו, באווירה קשה ונכאה. הכל מיררו בבכי.

תוך כדי כך, זוכרת אני, נכנס לביתנו מהנדס בשם י.ל. קארין[276] — אדם רחוק מכל נטייה לדת, חפשי בדעותיו — וכשראה אנשים, צעירים

---

274) ראה גם הוספות לספר השיחות תר״פ־תרפ״ז ע׳ 282 הערה 4.?

275) הרבנית הצדקנית מרת חי׳ מושקא נ״ע זי״ע.

276)

וזקנים, ועמם בעלי, שאותו הכיר כבעל אופי חזק (כפי שהתבטא), כולם שבורים כל־כך — בכה אף הוא יחד אתם.

הוא אמר לי על כך, שאמנם הוא חפשי בדעות לגמרי, אבל משנודע לו שאותו מקום קדוש שהיה להם לישראל, ושיהודים דבקו בו בהתקשרות כה גדולה, אבד מן העולם — בוכה אף הוא יחד עמהם, ומרגיש אף הוא את האבדה.

גם לאחר צאתו מביתנו, כשהלך ברחוב, לא יכול היה עדיין להירגע, והוסיף למרר בבכי היסטרי.

**י״א סיון תשי״ב**

ציינתי את התאריך, אבל לא רשמתי דבר באותו יום. ביום זה מלאו חמישים ושתים שנה לחתונתי[277]. היה על לבי דבר־מה שגרם לי לרצות לכתוב משהו, אבל לא עשיתי זאת.

**[כ״ז תמוז תשי״ב]**

אתמול בירכו את ראש־חודש מנחם־אב, וביום העשרים לחודש זה ימלאו כבר שמונה שנים להסתלקות בעלי ז״ל.

ככל שעובר זמן רב יותר מרגישה אני יותר את הקושי שבאבדה זו שאיבדתי. בני שליט״א עושה ככל שביכלתו, או אף יותר מכפי יכלתו, כדי לשפר בעבורי את כל תנאי החיים, כדי שארגיש בטוב. אבל למרבה הצער — אני משקיעה כוחות כדי שהוא לא יבחין בכך — אין זה המצב.

**ערב תשעה באב [תשי״ב]**

אני נזכרת, שלא לרצוני, בערב תשעה־באב שבו ערכנו את הסעודה שלפני הצום בהשתתפות אנשים רבים, ובאווירה כה ידידותית וביתית; ובערב תשעה־באב בשנים מאוחרות יותר — שבו סעדנו בשניים בלבד, בבקתת החימר[278]. המצב היה רחוק מלהיות טוב, אבל בדידות לא הורגשה.

ועתה — בני, יהי רצון שיאריך ימים מתוך בריאות והצלחה, ככל שהוא נעשה טרוד יותר ונוטל על כתפיו אחריות רבה יותר, לבי אינו מניח לי ליטול אפילו מזמנו שלו; ומלבדו — אין לי אף אחד.

---

277) בשנת תר״ס.

278) בהיותם בגלות בציאילי — ראה לעיל ע׳ 000. לקמן ע׳ 000.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב